STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05177

FRATELI BEDINI

Herman Bang

Permanent preservation of this book was made possible
by Pearl Kogan
in honor of
Dr. Louis Stein, Rabbi, with grateful appreciation

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוניווערסאל ביבליאטעק

הערמאַן באַנג.

פראטעלי בעדיני

אידיש פון ר. אייזלאנד.

6

ארויסגעגעבען פון
פארלאַג „די היים“
ניו יאָרק.

Copyrighted, 1919
By
Farlag "HEIM," Inc.

א שטארקער טרייסעל האט איהם אויפגעוועקט פון שלאף און ער איז א שפרונג געטהאן אין דער הויך. ער האט זיך גע־ריבען די אויגען, און געמיינט אז זיין מוטער איז נאך אמאל געשטארבען. טאג און נאכט פלעגט ער דאך נאר זעהן די לאנגע דעק פון בעט, וואס איז געווען איבערצויגען איבער איהר קערפער, און די מענער וואס זענען געקומען און האבען די מו־טער ארונטערגעשלעפט די שטיגען און זי איינגעפאקט אין א ליילעך; איינער האט זי א נעהם געטהאן ביים קאפ, דער צווייטער ביי די פיס און האבען זי אריינגעלעגט אין ארון, וואס איז געשטאנען אין דער הויז־טיר.

דאס איז אבער בלויז געווען דער פאטער זיינער, וואס האט איהם אזא טרייסעל געטהאן. „שטעה אויף" האט ער גע־זאגט, טהו זיך אן! מיר דארפען ערגעץ געהן!"

דאס אינגעל האט ניט געוואוסט צי עס איז נאכט אדער באגינען. נאר פון זיין שלאפבאנק איז ער ארויס. ווארום ער האט געוואוסט אז מיט זיין פאטער, איז ניט צו שפאסען. זיין פאטער איז געווען א דיענער אין א מיהל, און ווען ער פלעגט א נעהם טהאן איינעם פון זיינע אינגלער, האט זיך געדאכט, אז דאס ווארפט ער מיט זיינע זעק.

דערפאר טאקע איז קלאוז אין איין רגע שוין געווען אין זיינע קליידער און יעדע ווײַלע האט ער געווארפען א זייטיגען בליק אויף דעם לאמפ און געטראכט ביי זיך, ווי שפעט עס קען אייגענטליך זיין.

„וואש דיך, יונג" האט אויסגערופען דער פאטער, וואס איז געשטאנען לעבען איהם מיט'ן לאמפ אין האנד. דאס איז געווען צום ערשטען מאל אין קלאוז'ס לעבען, וואס זיין פאר־טער איז אנגעגאנגען צי ער איז ריין אדער שמוציג.

און דעם אינגעלס שטוינען איז געווארען נאך גרעסער, ווען דער פאטער האט איהם נאס געמאכט די האר און איהם גענומען פארקעמען מיט דעם אויסגעשצערבעטען קאם.

די צוויי אנדערע אינגלעך, וואס זענען געלעגען אין דער שלאף־באנק, האבען זיך אויפגעכאפט און פארשלאפענע און ער־שטוינטע האבען זיי זיך צוגעקוקט.

מען האט אנגעקלאפט אין דער טיר, און עס איז אריינגע־קומען די שכנ'טע.

„זענט איהר פארטיג?" האט זי געפרעגט.

„יא" — איך פוץ איהם נאר אביסעל צו — נא, און דאן וועלען מיר געהן."

די שכנ'טע האט בעטראכט קלאוז'ן. „איך בלייב ביי דאס מייניגע", האט זי געזאגט, „זיי וועלען איהם נעמען. ער האט די ריכטיגע פיגור דערצו."

די צוויי אינגלעך אין דער שלאף־באנק האבען אנגעהויי־בען צו וויינען: וואס דא קומט פאר האבען זיי אפילו ניט פאר־שטאנען. זיי האבען אבער מורא געהאט צו בלייבען אליין אין

דער פינסטער. קלאוז איז געשטאנען און געוואונדערט זיך איבער זיך אליין און איבער דעם וואס זיינע האר זענען בע־נעצט און פערקעמט, און וואס די שכנ׳טע האט ארום זיין האלז ארומגעבונדען א טאשענטיכעל. ער האט ניט געוואוסט וואס דאס אלץ באדייט.

דער פאטער האט א קוק געטהאן אויף די צוויי וויינענדיגע אינגלעך אין דער שלאף־באנק.

„זאל נעמען א סוף צו דעם כליפען!“ האט ער אויסגע־רופען און אויסגעלאשען דעם לאמפ. די שכנ׳טע און ער און קלאוז האבען זיך געלאזט געהן צו דער טיר. פון דעם געלע־גער פון די קליינע האט זיך נאך געהערט א שטיל געוויין.

די גאס איז געווען העל באלויכטען, און זי האט געשווי־בעלט מיט מענשען. קלאוז איז געגאנגען לעבען זיין פאטער. די שכנ׳טע האט געהאלטען אין איין פלוידערן:

„נאטירליך מוזען מיר געהן צו איהם נאך היינט אין אווענד, — עס זענען דא געגוג, וואס רייסען זיך צו דעם פלאץ. דאס מעגט איהר מיר שוין גלויבען, און א חוץ דעם וועט ער דאך זיין פערזארגט!“

„יא“, האט צוגעגעבען דער מילנער.

„איהר מעגט שוין איינמאל זאגען יא“, האט די שכנ׳טע ווייטער גערעדט. „פאר אונז ארעמע לייט איז גאר ניט אזא לייכטער ביסען, ווען דאס ווייב שטארבט און מען בלייבט אזוי זיצען מיט די לאבוסעס. ניין, עס איז שוין גאר ניט אזוי לייכט. מעגט איהר מיר גלויבען.“

זיי זענען געגאנגען ווייטער. קלאוז איז געווען אין גאנצען

ווי באנומען און צודרעהט. דער פאטער האט גאר פון צייט צו צייט ארויסגעווארפען א ווארט דורך דער נאז. און ער האט געמאכט לאנגע שפרייזען. די פרוי האט גערעדט ווי א מיהל.

„און א פיינע מלאכה איז עס אויך. דאס זעה איך שוין. ווען איך האב ארבייט אין די גארדאראבען. די סארט מענשען זענען ניט אזוי פון די קארגע: זיי געהען אין סאמעט און אין זייד. און דער, וואס הענגט אונטער אויף דער דעק, ביי דעם זענען די פינגער אזוי באדעקט מיט דימענטען, אז מען קען אייגענט־ליך מעהר ניט דערקענען פון וואס זיי זענען געמאכט.“

קלאוז האט אלץ געהערט און גאר ניט פערשטאנען. דער פאטער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און יעדעס מאל נאר ווי־דערהאלט:

„יא, ווען זיי זאלען איהם נאר וועלען האבען!“

דורך א קליין טירעל זענען זיי אריין אין א גרויס הויז. אויף די טרעפ איז געווען א מאדנער ריח.

דא אויף די טרעפ איז דער פאטער געווארען נאך מעהר אין פארלעגענהייט און גענומען געהן לאנגזאמער. די פרוי איז געווען זעהר ריהרעוודיג. און זי האט אפגעשטעלט עטליכע מע־נער, וואס זענען איילענדיג פארבייגעלאפען, און זיי עפעס גע־פרעגט.

„יא, זיי זענען אין דער גארדעראבע.“

זי האט געעפענט די טיר, און זיי זענען אריינגעקומען אין א גרויסען רוים, וואו עס האבען געברענט א סך ליכט און עס איז געווען א גרויסער ליארם. קלאוז האט אויפגעריסען זיינע אויגען און אריינגעשטעקט א פינגער אין מויל: ניין, עפעס

אזוינס! — עטליכע זענען ארום געלאפען נאקעטע און זענען געשפרונגען איינער איבער דעם אנדערען, און איינער איז גע־לעגען אויף דער ערד און געטרייסעלט מיט די פיס אין דער לופט.

אלע האבען זיי געהאט גאלד־פליטערלעך ארום זייערע לייבער.

דעם פאטערס ארעם האט זיך פאמעליך געלעגט אויף זיינע שולטערן. זיי זענען דא בײדע געשטאנען פרעמד און צוגעדריקט איינער צום צווייטען.

די שכנ'טע האט א וואונק געטהאן צו איינעם פון די נא־קעטע, און יענער איז מיט איהר צוגעקומען.

ער האט באקוקט קלאוז'ן פון אויבען ביז אראפ, געזעדט מיט'ן פאטער און אנגעהויבען צו ציהען און צו בויגען קלאוזענס ארעמס.

דאס אינגעל איז געשטאנען אין גאנצען ווי פארשטיי־נערט, האט זיך געטוליעט צום פאטער און האט זיך שיער ניט צעוויינט.

דער, וואס איז געלעגען אויף דער ערד און געשטראמפעלט מיט די פיס, האט גענומען א אינגעל און מיט די פיס איהם א ווארף געטאן אין דער הויך, ווי מען ווארפט די זעק אין דער דאמף־מיהל.

דער נאקעטער האט עפעס אויסגעפרעגט קלאוז'ן און איהם באטאפט די ברוסט און די ביינער.

א גלאק האט אנגעהויבען צו קלינגען, און אלע נאקעטע זענען אויפגעשפרונגען און אויסגעשטרעקט די גליעדער. דער,

אויף וועמען מען האט געפרעגט, איז ערגעץ אוועק געלאפען און ער האט אויסגערופען:

„ברענגט איהם מארגען אהין, וואו מיר וואוינען". פאר דעם שפיגעל האט איהם א מאן באשיט דאס פנים מיט מעהל.

איצטער האט די מוזיק אנגעהויבען צו שפּיעלען, און די נאקעטע האבען ארויסמארשירט ווי די גענז. דער קליינער וועמען מען האט געווארפען אין דער הויך איז געגאנגען צום לעצט.

און דערנאך האבען זיי געהערט א גערודער, און א סך קולות, וואס האבען גערופען און א סך הענט וואס האבען אפּלאדירט.

— אויב אזוי, הייסט עס, קענען מיר דאך געהן — האט געזאגט די פרוי.

זיי זענען אהיים געגאנגען מיט לאנגזאמע טריט, און ניט גערעדט צווישען זיך. ווי זיי זענען שוין געהאט אפּגעגאנגען א שטיק וועג, האט זיך דער פאטער פּלוצים אפּגעשטעלט און געזאגט:

— יא, דאס אינגעל זאל מיר נאר בלייבען מיט גאנצע ביינער!

אויף דעם האט די פרוי געענטפערט:

— מען דארף זיך נאר אויסלערנען.

דאס איבעריגע שטיק וועג האט דער פאטער געהאלטען קלאוז'ן ביי דער האנט.

ווען דאס אינגעל האט אין דער היים זיך געלעגט אונטער דער דעק, און זיך צוגערוקט ענג צו זיינע ברידער, וועלכע זענען געשלאפען ווי ענג צוזויפגעפלאכטען, איז ער נאך א לאנגע צייט

געלעגנט וואך: ער האָט נאָר כסדר געזעהן די נאַקעטע, ווי זיי זענען אַרויסגעלאָפען, און געהערט די מוזיק און די אויסרופען היים און פארמישט איז ער ענדליך איינגעשלאָפען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז געקומען די שכנ׳טע איהם נעמען (דער פאטער איז געווען אין מיהל) און זיי זענען ווידער אוועק אהיין.

דאָס מאָל האָבען זיי דעם נאַקעטען פון נעכטען געטראָפען אין בעט. די גאַנצע שטוב איז געווען פול מיט קאַסטענס און קליידער, און אהן א שיעור זאכען זענען געלעגען אין אַלע זייטען.

דער נאַקעטער האָט זיך אויסגעדרעהט אין בעט, און גע־זאָגט:

— אך, איהר זענט דאָס. טהוט איהם אויס, מאַדאַם!

די מאַדאַם האָט אנגעהויבען קלאָוז׳ן אויסצוטהאָן אונטער א קופערט. ווען עס איז געקומען צום העמד האָט דאָס אינגעל זיך ניט געלאָזט אויסטהאָן. ער האָט אנגעהויבען צו וויינען, און זיך איינגעקלאַמערט אין קופערט.

— אויב ער וויינט, דאַן נעמט איהם שוין אוועק פון דאַ־נען, — האָט אויסגערופען דער נאַקעטער.

איצטער האָט די מאַדאַם אַרונטערגעצויגען דאָס העמד פון קלאָוז׳ן און איהם אַפּירגעשלעפּט.

— ווי אַלט איז ער?

— אכט יאָהר. — האָט זי זיך געאיילט צו ענטפערן — אפילו קיין טאָג ניט עלטער. דאָס מעגט איהר מיר שוין גלוי־

בען. א פּראַקטיג באַשעפעניש, ביי גאָט. — און זי האָט קלאַוז'ן אַרומגעדרעהט.

— קום אַהער!

קלאַוז איז צוגעגאַנגען נעהענטער צום בעט. ער האָט געמור־קעט און זיך געשאַרט ביי דער זייט.

— גלייך אויס די פיס און בייג אַז ד'עם רוקען!

דער נאַקעטער האָט אַרויסגעשטעקט די האַנט פון אונטער'ן איבערבעט און באַטאַפּט קלאַוז'ס רוקען.

— ווי הייסטו?

— קלאַוז! — האָט ער געענטפערט מיט שרעק.

— קלאַוז, צום טייוועל! — איצטער האָט ער באַטאַפּט זיין ברוסטקאַסטען. — אַ גוטער קערפּער. צו אַלדי גוטע יאָהר. אַ נאָמען אַביסעל פאַר דער בערינג־טרופּע. נו אַלץ איינס: אויף דעם צעטעל קען ער דאָך הייסען זשיאַוואַני. דער, וואָס האָט דעם רוקען געבראָכען, האָט אויך געהייסען זשיאַוואַני.

— יאַ, איהר קענט איהם געבען וואָס פאַר אַ נאָמען אייך פּאַסט — האָט געזאָגט די מאַדאַם, וואָס האָט זיך צוגעקוקט — זיין אייגענעם קריסטליכען נאָמען וועט ער דאָך האָבען.

דער נאַקעטער האָט אָפּגעלאָזט קלאַוז'ן און זיך צוריקגע־לעגט אין בעט אַריין.

— נו יאַ, מיר וועלען איהם נעמען — האָט ער געזאָגט— און דאָס טאַקע זאָפאָרט. מאָרגען געהען מיר קיין ברעסלאַו. קומט מיט איהם אַהער מאָרגען אין דער פריה.

די פרוי האָט געהאָלפען קלאַוז'ן זיך אַנטהאָן מיט אַן אוי־

סערגעוועגליכער שנעלקייט, און זי איז געוועזן פול מיט רייד. ווארים זי האט געקראגען א טהאלער טרינקגעלד.

דרויסען פאר דער טיר האט זי אנגעשפיגען אויף דעם געלד און געקלאפט דערמיט אויף דער פלאך פון דער האנד.

— אן א דארויף! — האט זי געזאגט. אזא גרויסע מטבע האט זי זעלטען ווען אנגעזעהן.

קלאוז האט איצטער אלץ באגריפען. ער וועט אויך מאַכען קונצען. און וועט האבען אזעלכענע ווייסע פיס און די גאנצע אויסשטאטונג ארום דער טאליע. דעם גאנצען טאג האט ער קיין זאך ניט געטהאן נאר געהאלטען אין איין לאכען און זינגען.

ער האט דאס דערצעהלט פאר זיינע ברידער, וועלכע האבען איהם ניט פארשטאנען און האבען איהם כסדר געפרעגט און איבערגעפרעגט.

אבער אין אווענט ווען זיי זענען אלע דריי געלעגען אין דער שלאפבאנק און האבען צווישען זיך שטיל גערעדט, האט דער יינגסטער פלוצים פארווארפען זיינע ארעמס ארום קלאוזענס האלז, וועלכער האט זיך צעוויינט פאר שטילער פרייד. און ווען ער האט אנגעהויבען וויינען האבען די צוויי אנדערע אינגלעך אויך געוויינט שטילערהייד פאר זיך, אוןביידע האבען זיי געגלעט קלאוזענס באקען און געטוליעט זיך צו איהם.

א לאנגע צייט האבען זיי אזוי געוויינט אונטער זייער דעק, און נאך אין שלאף האט דער יינגסטער געהאלטען קלאוזענס האנט גאנץ פעסט. און דאס וויינען האט שווער געמאכט זייער אטעמען.

ווען דער מילנער איז יעצט אהיים געקומען (ער האט גראד

באדארפט האלטען וואר). האט איהם די שכנ'טע אלעס דער־צעהלט. זי האט געהאלטען אין איין רעדען און לויבען. נאר די דריי מארק האט זי פארשוויגען.

ווען דער פאטער איז אריינגעקומען אין זיין שטוב, האט ער געמאכט ליכטיג. און אין דער צייט, וואס ער האט פאר זיך דער־ווארעמט אביסעל קאווע, און ארויסגענומען ברויט, האט ער פון דער זייט געווארפען בליקען צו דער שלאפבאנק. דאן האט ער פלוצים אויסגעלאשען דאס ליכט, איז זיך אזוי געבליבען זיצען א ווייל׳ע און געפונען זיין מויל אין דער פינסטער און דערנאך איז ער אריינגעקראכען אין בעט אריין. ער איז אבער לאנג גע־לעגען, געווארפען זיך אהין און אהער, און קיין סך שלאף האט ער נים געהאט.

אין דער פריה איז ער אויפגעשטאנען נאך איידער די איננ־לעך האבען זיך אויפגעכאפט און איז אריבערגעגאנגען צו דער שכנ'טע. ער האט זי געפונען אין קיך.

— יא, הייסט עס אז היינט איז עס — האט זי געזאגט.

— יא, היינט איז עס, יא. — האט געזאגט דער מילנער. עס איז ענטשטאנען א קליינע פויזע.

— היינט אין דער פריה דארף ער געהן צו איהם.

— יא, היינט, — זיי האבען ווידער געשוויגען — אבער עס איז פון דעסטוועגען דאך א שווערע מלאכה. — ער האט גע־שווינגען א ווייל׳ע און פלוצים האט ער א זאג געטאן: — איך האב געמיינט, אז זיי וועלען עפעס געבען דערפאר.

די פרוי האט איהם האסטיג א מעסט געטאן פון אויבען ביז אראפ.

— ווילט איהר אייערע קינדער פערקויפען? — האט זי געפרעגט אז אויפגעקאכטע.

דער מילנער האט געקוקט אין א זייט: — איך האב נאר געמיינט, וויים איך, עס איז א געפעהרליכע מאלכה, — האט ער געענטפערט גאנץ שטיל.

די מאדאם האט זיך ווידער ארונטערגעלאזט אויף דער קניה און געבלאזען אין פייער אריין:

— איך וואלט מיר אויך געפרעהט — האט זי געזאגט— דאס וויים גאט.

יאהאן איז געשטאנען א ווײלע און אראפגעקוקט צו דער פרוי, און דערנאך איז ער אוועקגעגאנגען.

אין אווענט איז קלאוז אנגעקומען מיט דער בעדיני טרופע אין ברעסלאו. פון יענעם טאג אז האט ער ניט געהייסען אנדערש ווי זשיאוואני.

באלד אין א פאר טעג ארום האט זשיאוואני אנגעהויבען צו ארבייטען.

ער האט זיך געלערענט יעדען אין דער פריה צוזאמען מיט נאך פיער שילער. אין גאנצען נאקעט פלעגט ער מוזען. אנגע־לעהנט אן א קופערט שטעהן אויפ'ן קאפ. פאפא בעדיני איז געלעגען מיט א בייטש אין בעט און קאמאנדירט. פון צייט צו צייט פלעגט ער פרואווען צי די בייטש וועט ווירקליך קענען דער־לאנגען ביז אריבער דעם קופערט: דאס פלעגט געשעהן אהן

א פארוואס און איהם האט ניט זעהר געארט וואו ער האט גע־טראפען.

דער „אראבער" האט זשיאוואני'ן געלערנט בייגען דעם דוקען. דער אראבער איז געווען א שותף צו דער טרופע און א בייזער מענש מיט שארפע ציין, ווען עס פלעגט זיך ניט אזוי שנעל איינגעבען מיט דעם בייגען, פלעגט ער שנעל א בים טאן.

פערצעהן טעג איז זשיאוואני ארומגעלאפען מיט א וואַ־לענעם טוך ארום דעם האלז, וואס האט אויף זיך געטראגען די שפורען פון דעם אראבערס א בים, וייל ער איז ביי א רוקען בויי־גונג ביי דער צאל הונדערט אומגעפאלען.

זשיאוואני האט באלד געקראגען א טבע, אז ווען מען האט גערעדט צו איהם, האט ער איינגעבויגען דעם קאפ און אנגע־שטעלט גרייט דעם רוקען: און ווען ער פלעגט נאך דער פראבע זיצען און שיילען קארטאפעל, אדער בראקען סאלאט, פלעגט ער ביים קלענסטען גערויש לאזען פאלען דעם סאלאט, אזוי אז עס פלעגט א שפריץ טהאן אין וואסער, און ער פלעגט די הענט א הויב טהאן אין דער הויך. ער איז אלע מאל געווען גרייט ארויסצולאזען א געשריי, אזוי שנעל ווי ער פלעגט נאר דער־זעהן, ווי א האנט געהט עפעס אביסעל שנעלער ארום פון א הויי־זען־קעשענע.

אבער אין אווענט, ווען זיי פלעגען זיך אנטהאן אין דער גארדעראבע און פיבערהאפט און היים ציהען די גליעדער ביי איבונגען, ווען עס פלעגט זיך דערהערען דאס גלעקעל פון רע־זשיסאר און דאס רוישען פון דער מוזיק און דער אפלאוז פלעגט ארייגדרינגען פון זאל, דעמאלט פלעגט זשיאוואני ווערען אומ־

רוהיג און פלעגט חלש'ן דערביי צו זיין: ער פלעגט שטעהן צווישען די קוליסען, ווען זיי פלעגען ארבייטען, און איהם פלעגט זיך דאכטען, אז זיינע אייגענע גליעדער ווערען גע־שפאנט.

דער אראבער האט איהם פארמיטאג געלאזט מאכען פראָ־בען אין טעאטער. די אקראבאטען פלעגען ארומזיצען אין טעאַ־טער מיט מיעדע קערפערס, טרינקען ביער זאלבע צווייט, און אפט שטונדענלאנג ניט אויסריידען קיין ווארט. יעדעס מאל ווען דער אראבער פלעגט זיין שילער אויפכאפען מיט זיינע פיס פלעגען זיי קלאפען מיט די גלעזער אין טיש. ווייטער פלעגען זיי זיצען טעמפ און שווייגענדיג אין דעם האלב־טונקעלען זאל.

זשיאוואני'ן פלעגט באפאלען א געוואלדיגער חשק ארי־בערצוואגען אלע אנדערע. בויגיג איז ער געווען ווי א יונג קע־ציל.

איין טאג האט ער אין די קוליסען געהערט ווי פאפא בע־ריני האט געזאגט: — יא, דער יונג — דער האט דאס א וויי־כען קערפער!

און דערנאך האט ער אנגעהויבען צוזאמען מיט די אנדערע אויפצוטרעטען. א שעה פריהער איידער זיי האבען געזאלט ארויס פאר'ן פובליקום פלעגט ער ארבייטען מיט'ן אראבער אין דער גארדעראבע. זיין גאנצער קערפער פלעגט שוויצען, און זיינע ציין פלעגען איהם קלאפען אין מויל פאר שרעק.

און ווען זיי זענען ארויפגעקומען אויף דער ביהנע אין ליכט־קרייז, און עס האט זיך דערהערט זייער וואלץ, און זיי, זיך האלטענדיג ביי די ווארעמע ציטערדיגע הענד, האבען געגריסט

און באוויזען די ערשטע קונצען, איז ווי זיי האבען נאר געמאכט די ערשטע שפרינגג, האט זיך זיי געדאכט, ווי זיי וואלטען פאר־כאפט געווארען פון אווירבעל ווינט. און מעהר האבען זיי גאר גישט געזעהן און גאר נישט געהערט. געדאכט האט זיך ווי זיי וואלטען מיט אמאל אנגעשטעלט הונדערט חושים, און דאך האבען זיי גלייכצייטיג יעדען חוש פארלוירען.

פלוצלונג זענען זיי אלע אין גאנצען צומישט געווארען און האבען שוין מעהר ניט געקענט געדענקען ווען עס קומט זייער רייה, אין וועלכער זיי האבען זייערע קונצען געמאכט אפשר הונ־דערט מאל. ווי משוגע האבען זיי אלע אויף איינמאל געמאכט ווילדע באוועגונגען און דאס פובליקום האט געיובעלט פאר הנאה.

ווען דער פארהאנג איז געפאלען, האבען זיי אהן אן אטעם זיך אנגעשפארט אויף די קוליסען; עס האט זיי געשווינדעלט ווי מענשען, וואס האבען צופיעל געטאנצט; דער באדען איז געזונקען אונטער זייערע פיס, און זיי זענען קוים איינגעשטאנען אויף די פיס.

זיי האבען זיך אומגעקעהרט אין דער גארדעראבע און זיי האבען געפלוידערט און געלאכט, ביים איבערטאן, ביז עס איז אויף זיי פלוצים געפאלען א בלייערנע מידקייט, און זיי זענען געבליבען זיצען שלאף, שווער אטעמענדיג און באדעקט מיט שוויים.

זשיאוואני איז אנטשלאפען געווארען אויף זיין שטוהל.

פאפא בעדיני האט געגלויבט אין א בייז אויג. ווען עמיצער מיט א בייז אויג האט זיך געפונען אין זאל, דאן האט געמוזט גע־

שעהן אן אומגליק מיט די „פיראמידען“, און זיי פלעגען גע־שטרויכעלט ווערען ביים שפרינגען. און דאן פלעגט זשיאוואני פון צייט צו צייט ווידער אמאל פיהלען די ניט אנגענעהמע ציינער פון דעם אראבער דורך זיין טריקא.

נאך אזא בים זענען די אינגלעך געווארען געשווינדט. פלע־גען זיך שנעל אנטהאן און ארויסלויפען פון דער גארדעראבע, וואו פאפא בעדיני איז א בייזער געזעסען פאר א שפיגעל און זיך געקעמט זיינע האר.

זיי זענען ארומגעפאהרען פון שטאדט צו שטאדט, און אור־מעטום דאס זעלביגע. ביי טאג פלעגען זיי מאכען איבונגען און ביינאכט פלעגען זיי ארבייטען.

אין לויף פון דער צייט האבען זיי צוגעקראגען נאך א מענ־שען צו דער טרופע. — ערגעץ אין בעהמען האבען זיי געקויפט א שעהן קליין מיידעלע. די גאנצע טרופע פלעגט תמיד וואוי־נען צוזאמען און אומעטום פלעגען זיי דינגען דריי צימערן. צוויי פון זיי פלעגען תמיד פארנעמען דער אראבער און פאפא בעדיני. דאס דריטע האבען באוואוינט די אינגלעך און די קלייגע ראזא. און אזוי איז עס געבליבען אויך שפעטער ווען זיי זענען מיט די יאהרען געווארען גרעסער.

דאס איז געווען א מין גן־עדן אין וועלכען עס האט גע־פעהלט דער עץ־הדעת בנוגע דעם, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט. די יונגע גליעדער, וואס זענען געווען געוועהנט צו זיין אזוי נאהענט, האבען גאר ניט געקענט זיך אין עפעס אפזא־גען: און נאכדעם ווי אנדזשעלא איז א לאנגע צייט געווען ראזא׳ס געליעבטער איז עס געווארען זשיאוואני, און קיינער האט

ניט געוואוסט, אז דאס זאל זיין אן עברה. עס איז דאך אין גאנ־
צען געקומען פון זיך אליין, אזוי אז זיי האבען אפילו ניט ני־
טראכט דערפון.

זשיאוואני איז אלט געווען זעכצעהן יאהר. ער איז געווען
שלאנק און עלאסטיש און דעם קאפ פלעגט ער טראגען שטאלץ
אין דער הויך.

אנדזשעלא האט איהם א נאמען געגעבען „אילטים". און
ווירקליך, ווען ער פלעגט זיך א בויג טאן צו שפרינגען פון דעם
אראבערם פלייצעס, מיט דעם קאפ פאראויס, און דאס מויל צו־
נויפגעדריקט — פלעגט ער ווירקליך האבען אין זיך עפעס
עהנליכעס צו א רויב־טיער.

פאפא בעדיני פלעגט איהם אפט געבען גענוג טאשענגעלד,
ווייל ער האט מורא געהאט, אז ער זאל ניט פארלאזען די
טרופע.

זשיאוואני פלעגט קראמפפהאפט ארבייטען מיט זיין קערפער.
צייטענווייז פלעגט דער קערפער ווערען ווידערשפעניג און ער
האט געקעמפט מיט איהם, ווי מיט א חיה, וואס לאזט זיך ניט
צאמען. דעם גאנצען פארמיטאג פלעגט ער ארבייטען און אין די
אווענדען פלעגט ער אין דער גארדעראבע מאכען אזוי פיעל אי־
בונגען, אז ער פלעגט זיך באדען אין שוויים.

ער האט דערשפירט א שטאלצע ליעבע צו זיין קערפער,
פונקט אזוי ווי א ספארטסמאן צו זיין ליעבלינג פערד. און ווען
ער פלעגט מאכען איבונגען, פלעגט ער רעדען צו זיינע אייגענע
גלידער, זיי ערמוטיגען אדער רעדען צו זיי מיט כעס.

איי די אווענטען ווען עס פלעגט אז אומגליק געשעהן, ווען

ער פלעגט ביי א שפרונג זיך אויסגליטשען פלעגט ער דערפיהלען א טעמפע צארנדיגע שנאה צו זיין אייגענעם קערפער. מיט זידעל ווערטער פלעגט ער ווי א ווילדער ארייגלויפען מיט זיין קאפ אין די קוליסען, אדער ער און אנדזשעלא פלעגען זיך א לאז טאן איינער אויפ'ן אנדערען, און זיך ראנגלען ביז זיי פלעגען קרעכצענדיג און אפגעשלאפט פאלען צו דער ערד.

און די צופיעל אנגעשטרענגטע גליעדער האבען געפאדערט זייער רעכט. און דערפאר פלעגען זיי נאכדעם זיצען אין רעסטאראן, שוואכע מיט אויסגעלאשענע אויגען, פונקט ווי חיות, וואס האלטען ביים אויסגעהן.

די קלאונס און געזאנג־ארטיסטען פלעגען פלוידערן, ווייזען קונצען מיט קארטען, און טאשענשפילערייען, און פלעגען זיך דערצעהלען געשיכטען פון פרויען. די אקראבאטען אבער פלעגען זיצען אפגעלאזענע און שמייכלען. זיי פלעגען זיין אזוי מיעד אז עס איז זיי געווען שווער צו שלעפען זייער אייגענע קראפט.

נאר די קארטען פלעגען זיי קענען אויפוועקען. ליידענשאפטליך און מיט גלאנצענדיגע אויגען פלעגען זשיאוואני און דער אראבער אפט שפיעלען קארטען ביז טיעף אין דער נאכט אריין, אונטער דער אראבגעדרעהטער גאז אין א ווינקעל. דער קעלנער פלעגט שנארכען, מיט דעם אויבערשטען טייל פון קערפער אנגעלעהנט אויפ'ן טיש.

די פרויען האבען ניט געשפיעלט קיין גרויסע ראלע אין זשיאוואני'ס לעבען. ער פלעגט טאקע אמאל קענען ארויפפאלען אויף א פרוי, מיט א קרענקליכער תאוה. אויף צו מאר־

געגס אבער פלעגט ער זיך ניט דערקענען. און דערנאך פלעגט פארגעהן א לאנגע צייט איידער ער האט זיך אפגעגעבען מיט אן אנדערער.

— די בעדיני טרופע איז יעגגאזשירט געווארען פון רעניז'ן.

זיי האבען געווארט פאר דער ערשטער פראבע אין דער גארדעראבע. שוויגענדיג האבען זיי געמאכט זייערע איבונגען. פאפא בעדיני האט זיי דערמאנט אז א טור. די אנדערע האבען געשאקעלט מיט די קעפ און זענען ווייטער אנגעגאנגען מיט זייערע איבונגען.

אנדזשעלא האט געפרעגט:

— איז דער אלטער דא?

— זיי האבען געזאגט אז ער וועט קומען.

זיי האבען ווידער געארבייט. זיי האבען זיך מיט קרייד ווייס געמאכט זייערע זוילען און האבען געווארט אויף די דריי קלעפ פון דעם רעזשיסער. אונטען אין צירקוס איז געווען האלב פינסטער און פוסט. א פאר אלטע דירעקטארען זענען געזעסען פארקנעפעלטע און שטייפע אין פארקעט, מיט הויכע צילינדער און דער שטאק מיט'ן גאלדענעם קאפ צווישען די פיס. זיי האבען גערעדט צווישען זיך שטילערהייט.

ווי אויף קאמאנדא האבען זיי זיך אלע אויסגעדרעהט און באגריסט א געשטעלטען פארשוין. וואס האט זיך בא־

וויזען אין דער לאזשע און זיך גערעצט.

דאס איז געווען ע ר !

אנדזשעלא האט אהן אז אטעם א זאג געטהאן:—זעה נאר.

— דער אלטער.

זשיאוואני האט געשפירט ווי זיין הארץ וואלט מעהר ניט געהאט קיין פלאץ אין דער ברוסט. אזוי שטארק האט עס געקלאפט.

עס איז געווען אזוי שטיל, אז ער האט געקענט הערען ווי דאס פעהנדיל האט העט אויבען אין דער ראטונדע געקלאפט אז דאך. אזוי שטיל איז געווען.

די בעריני טרופע האט געהאט א גליקליכען טאג.

ווען זיי זענען פארטיג געווארען מיט דער ארבייט, איז צוגעקומען א הער צו זשיאוואני.

— איהר ארבייט גוט — האט ער געזאגט. — האט איהר קיינמאל ניט געארבייט אויפ'ן פערד?

— ניין. — נאר פארטער.

דער הער האט איהם אנגעקוקט און געדרעהט זיין וואנצע מיט א שלאפע האנד, וואס איז געווען באדעקט מיט דימענ־טען.

— ווי אלט זענט איהר?

— צוואנציג יאהר.

— הם! אויב אזוי קענט איהר זיך נאך אויסלערנען.

דער הער האט זיך אוועקגעדרעהט און איהם געלאזען שטעהן. די שטאל־קנעכט, וואס האבען גערייניגט דעם צירקוס, האבען איהם באגריסט.

— ווער איז דאס געווען ? — האט געפרעגט זשיאוואני.
— דער ?... מר. קוק.
— קוק, דער זשאקעי ?
— יא.

זשיאוואני האט געשפירט א פיינעם דופט, וואס דער זשאקעי האט פארשפרייט אין שטאל.

זשיאוואני האט אויפגעוואקסן זיין פאטער. מיט פיער אדער פינף יאהר צוריק, איז דער פאטער זיינער ארייננעפאלען אין א לאד פון א קעלער און זינט דעמאלט איז ער געבליבען א לא־מער. איצטער איז ער געווען א שיק יונג אין א בוכהאנדלונג און א הינקענדיגער פלעגט ער אין אלע וועטערען ארומלויפען מיט זיינע פעקלעך. די יאהרען און דער שנאפס האבען זיין נאז אפגעפארבט אויף רויט.

אין דער פריה איז ער געקומען צו הינקען, געזעצט זיך אויף קלאוזענס בעט, געדרעהט זיין היטעל צווישען די פינגער און געהאלטען אין איין רעדען וועגען אזעלכענע וואס האבען מזל און אנדערע, וואס עס געהט זיי נאר מיט דער פוטער אראפ. כמעט רעגעלמעסיג פלעגט ער פון קלאוז'ן ארויסקריגען א פאר מארק. און ווען ער האט שוין דאס געלד געקראגען פלעגט ער וויינענדיג און דאנקענדיג זיך צוריק ארויסשלעפען א הינ־קענדיגער.

זונטאג איז זשיאוואני אהיים געגאנגען.

די ברידער האבען אזש אויפגעשריען פאר פרייד, ווען זיי האבען איהם דערזעהען. זיי זענען איהם געפאלען אויפ'ן האלז און איהם געקושט. און אין א ווײלע ארום זענען זיי שוין אלע דריי געזעסען און זיך אנגעקוקט און ניט געוואוסט, וואס זיי זאלען רעדען. — זיי זענען אבער געבליבען זיצען.

זשיאוואני האט זיי געגעבען ציגארעטען, און זיי האבען אלע דריי געזויכערט שווייגענדיג, און געפיהלט מאדנע צוויי־שען זיך. דאס האט אזוי געדויערט א ווײלע.

— איצטער מוז איך געהן, — האט געזאגט זשיאוואני.

— מוזט געהן?

— יא, אזוי איז אם בעסטען. אדיע!

— אדיע. קלאון!

די ברידער האבען איהם ארונטער באלייט אונטען, און זיי זענען געשטאנען אין דער הויז־טיר און איהם נאכגעקוקט ביז ער האט זיך אויסגעדרעהט ביים עק גאס און איז פערשוואונדען.

אויך די ברידער האבען ביי זשיאוואני געבעטען געלד, ביז ער איז סוף כל סוף אליין פערענגט געווארען. שוין לאנג פריהער האט ער געטראכט וועגען רעדען מיט פאפא בעדיני, אז ער וויל א „חלק". איצטער האט ער עס געטהאן. — בעדיני און דער אראבער האבען זיך געקלאפט דעם קאפ אין דער וואנט אבער זיין פערלאנגטען חלק האבען זיי איהם דאך געגעבען.

אין די אווענדען ווען די טרופע פלעגט אליין ארבייטען, האט זשיאוואני געטהאן די דיענסט פון א שטאלמייסטער. די ארטיסטען פלעגען דא שטעהן טויט מיעדע מיט זייערע פאר־פיומירטע קעפ און געקרייצטע ארעמס, און אנגעגריפען פון דעם

לאנגגען, צוועקלאזען שטעהען אויף איין ארט, פלעגען זיי פון צייט צו צייט זיך אנלעהנען אן די וועגט פון די לאזשען, כדי כאטש אויף איין מינוט צו האבען זיך אויף וואס אנצושפארען.

ווען די גרויסע פאנטאמימע פלעגט זיך אנהויבען, פלעגען זיי זיך שנעל איבערטאן. די פיעלע פארבען און דער געטור־מעל און די עלעקטרישע ליכט האבען זיי צומישט דאן פלעגט זשיאוואני אהיים געהן. פאר מידקייט פלעגט ער זיך קוים קע־נען שלעפען, און אנשלאפען וועלען פלעגט ער אזוי, אז אפילו א שאס פון א קאנאן וואלט איהם ניט קענען אויפוועקען.

צוויי זאכען האבען זשיאוואני אינטערעסירט: דער זשא־קעי און די לייבען. מיט די אויגען פון א קענער האט ער בע־וואונדערט די שפראך פון דעם זשאקעי. ער פלעגט זיך באמי־העז מיט דעם אויג צו כאפען די קונצען. ביי איין פאנטא־מימע זענען מר. קוק און זשיאוואני געווען ענגלענדער און זענען געזעסען צוזאמען.

—איך וואלט זיך וועלען אויסלערנען אן אנדערע ארבייט — האט געזאגט זשיאוואני.

— איהר וואלט עס קענען.

— דאס פארטער בעצאהלט זיך ניט.

— ניין, וואלט איהר ניט וועלען ארבייטען אויפ'ן פערד?

— ווען איך זאל זיך נאר קענען אויסלערנען.

אויפ'ן צווייטען אווענד האט דער זשאקעי געזאגט:

— איך האב וועגען דער זאך נאכגעטראכט. איהר וואלט זיך געקענט לערנען אויף איינעם פון מיינע פערד. איהר מוזט קענען דעם זשאקעי שפרונג. מיר וועלען עס פרואווען.

אין א פאר טעג ארום האט זשיאוואני מיט דער הילף פון מר. קוק אנגעהויבען לערנען ארבייטען אויפ'ן פערד. זיי פלעגען ארבייטען גאנצע שטונדענלאנג אין די נאכמיטאג'ן, ווען די מאנעזשע פלעגט זיין פריי.

א יונגער, בלאסער מאן פלעגט רעגעלמעסיג קומען צו די פראבען. דאס איז געווען מר. באטי דער צאמער פון די חיות. ער פלעגט זיצען דערביי שטיל מיט זיין אונבאוועגליכען געזיכט פון דעם ערשטען מאמענט, וואס זיי האבען אנגעהויבען ביז זיי האבען געענדיגט. ער האט זיי פארפאלגט מיט די אויגען ביי דער ארבייט און פון צייט צו צייט פלעגט ער א שאקעל טהאן מיט'ן קאפ צו זשיאוואני.

זשיאוואני איז געווען אויפגערעגט. פאר כעס פלעגט ער זיך מיט דער בייטש שמייסען איבער די פיס, און ער פלעגט די בייטש אזוי א דרעה טהאן, אז זי פלעגט הויך א קנאק טהאן איבער דעם אמפיטעאטער. מר. קוק האט גערעדט צום פערד מיט קורצע, אפגעהאקטע אויסרופען.

זשיאוואני האט זיך געלאזט גאלאפירען. זיך א בויג געטהאן, ארויסגעלאזט א געשריי און א שפרונג געטהאן אין דער הויך. דער שפרונג איז ניט געלונגען און ער איז געפאלען. ער האט געפרואווט פון דאס ניי, געטהאן א שפרונג און געפאלען. שטעהענדיג אין מיטען דעם קרייז פון צירקוס, האט ער פאר כעס מיט די קנאפעל צוטרעטען דאס זאמד און די הובעלשפענער.

נאך דער פראבע האט דער יונגער, בלאסער מאן געבראכט צו זשיאוואני א וואלענע דעק.

— הילט אייך ארום — האט ער געזאגט — איהר וועט אייך צוקיהלען.

— א דאנק, מר. באטי! — זשיאוואני האט זיך ארומגע־הילט מיט דער דעק. — וואס דענקט איהר? האט איהר געזעהן ווי עס איז געגאנגען?

— אי, עס וועט שוין קומען.

— גלויבט איהר אזוי?

— זיכער.

— אדיע, סיניאר זשיאוואני. — און ער דערלאנגט צו זשיאוואני די האנד.

— אדיע, מר. באטי! צום ווידערזעהן! — און זיי האבען זיך צושיידט. עס איז געווארען א מאדנע האלב מעלאנכאלישע און שווייגענדיגע פריינדשאפט צווישען זשיאוואני און מר. באטי. די פריינדשאפט איז געקומען ביסלעכווייז.

אין צירקוס רעסטאראן פלעגען זיי עסען ביים זעלביגען טיש. אין דער פריה פלעגען זיי קומען איינער צום צווייטען און אין די אוועגדען פלעגען זיי צוזאמען געהן אהיים.

קיין סך ווערטער פלעגען זיי ניט רעדען צווישען זיך. זיי האבען זיך אבער ליעב געהאט. ווען דער ריעזיגער לייבענשטייג פלעגט אין די אוועגדען געבראכט ווערען אויף זיינע רעדער, און באטי פלעגט מיט זיין בלאסען געזיכט פארביי געהן פארביי די שטאלמייסטער אין דער מאנעזשע אריין, פלעגט איהם זשי־אוואני תמיד דערלאנגען די האנד. געקומען איז דאס איין אבענד פלוצים, כאטש קיינע פון זיי האט וועגען דעם פריהער אפילו ניט געטראכט, און פון דעמאלט אן איז עס געשעהן יעדעס מאל,

ווען באַטי איז אַריינגעגאַנגען אין שטייג.ביידע פּלעגען זיי זיך דריקען די הענד.

ווען זשיאַוואַני האָט שוין געקענט דעם זשאַקעי שפּרונג, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין שטעל ביי בעדיני, און צוליעב איבונג האָט ער געוואָלט אויף דערווייל אַנקומען אין אַ קליינעם צירקוס.

ער האָט אויפגעטראָטען צום לעצטען מאָל און ער און באַטי־זענען צוזאַמען אַהיים געגאַנגען.

ביידע זענען זיי געווען טרויעריג. און זיי זענען געגאַנגען שווייגענדיג און געהערט זייערע אייגענע טריט אין די שטילע גאַסען.

באַטי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט שטילער־הייט: — יאָ... וועלען מיר זיך נאָך אַמאָל זעהן? דאָס ליכט פון אַ לאַמטערן איז געפאַלען אויף זיין בלאַס געזיכט.

זשיאַוואַני האָט אויך געטראַכט דאָס זעלביגע. האַסטיג האָט ער אָנגענומען באַטי׳ס האַנד און אויסגערופען: — באַטי!

באַטי איז געגאַנגען ווייטער. און שטיל ווי פריהער האָט ער געזאָגט:

— מען ווייס דאָך. אז אין אַ שעהנעם טאָג וועט עס קומען.

קיינער פון ביידען האָט גאָר ניט גערעדט. זיי זענען צו־געקומען צו זשיאַוואַנים טיר.

— נו, זיי געזונד! — האָט געזאָגט באַטי.

— זיי דו אויך געזונד! — האָט געזאָגט זשיאַוואַני. זיי האָבען זיך ביידע באַטריבט אָנגעקוקט און ניט געקענט געפינען קיין ווערטער.

דאן איז באטי אוועק מיט דער גאס.

זשיאוואני איז געווארען א זשאקעי. איז ארומגעפאהרען פון איין צירקוס צו א צווייטען, און האט זיך ערווארבען א גרויסען נאמען. ער איז אומעטום געווען דער ליעבלינג פון פובליקום.

זיין געוואלטיג שנעל רייטען פלעגט מיטרייסען דאס פוב־ליקום. קיינער איז ניט גערייטען אזוי אונגעצאמט ווי ער. ער האט אין דעם צירקוס־רייטען אריינגעבראכט דעם גרויסען ברי־קען שפרונג. ער האט געהאלטען אין איין ווייזען די געוואגסטע קונצען, און אפטמאל איז זיין לעבען געהאנגען אויף א האר.

אין מיטען רייטען פלעגט זיך אין איהם פלוצעם דערוועקען א ווילדער כעס. אלץ ארום איהם פלעגט פערשווינדען. די ליכט, די לאזשען, די פרויען. ער פלעגט נאר פיהלען דעם וויגענדיגען קרעכצענדיגען רוקען אונטער זיך, און ער פלעגט אויפשרייען דורך צונויפגעפרעסטע ציינער.

ווען ער פלעגט פארטיג ווערען מיט'ן רייטען, פלעגט איהם זיין שווארץ פאר די אויגען און מיט א צוזאמענגעשנירטען האלז פלעגט ער אנידערפאלען אויף די וואלגע דעקען אין דער גאר־דעראבע, און דארטען ליגען ווי א ווילענלאזער הויפען ביינער.

בייטאג פלעגט ער זיין ערענסט, סאליד און קארג אויף רייד.

איין אווענט ווען ער איז געווען אנגאזשירט ביי ציצינעלי אין פעטערסבורג, איז אן אקראבאט ארונטערגעפאלען פון דער הויך פון דער ראטאנדע. ער האט פארלוירען זיין גלייכגעוויכט. מען האט געהערט א געשריי, מען האט געזעהן ווי דער קערבער

איז געפאלען, און דערנאך איז דער קאמעראד געלעגען א צעק־וועטשטער אין דער מאנעזשע. צוויי שטונדען שפעטער איז ער געווען טויט.

ווען מען האט אין דעם טאג פון באגרעבעניש, ארונטערגע־לאזט דעם ארון אין קבר, האבען זיך אלע ארטיסטען שוויינענ־דיגע ארומגעשטעלט ארום גרוב. איינע נאך דעם אנדערען זענען זיי צוגעקומען און מיט אונבאוועגליכע געזיכטער האבען זיי שטום ארונטערגעקוקט אויף דעם ארון.

דאס אומגליק האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף זשיאוואני. ער האט זיך ניט געשראקען. פארקעהרט, ער איז געווארען נאך געוואגטער ביים רייטען. אבער אויסער דער ארבייט איז ער געווען ערענסט, כמעט שווייגענדיג. ער האט געזעהן אין וועמענס דיענסט ער שטעהט...

ער פלעגט אפט שפיעלען אין קארטען און שפיעלען גרויס. מיט א קלאפענדיגען פולס, פלעגט ער זיצען ביי די קארטען האלבע נעכט, די אדערן אויף'ן שטערען פלעגען איהם אנגעשוואָ־לען ווערען און ער פלעגט אויפשטעלען גרויסע קופקעלעך געלד פאר זיך. ער פלעגט שפיעלען מיט דער זעלביגער געשפאנטקייט ווי ער פלעגט רייטען.

דאן איז פלוצים געשעהן אז ער האט אין צירקוס קאפע זיך באקענט מיט מיס איילײדא, די שטריק טענצערין.

גלייך אין ערשטען אווענד, ווען זי איז אריינגעקומען, און פון זיך ארונטערגעווארפען דעם רויטען אטלעסענעם מאנטעל, און איז געבליבען שטעהן אין פליישפארביגען זיידענעם טריקא, און זיך פערנייגט פאר דעם פובליקום, האט זשיאוואני'ן דאס

בלוט א זעץ געטהאן אין די באקען, און ער האט זי אנגעקוקט ערשטוינט, גלייך ווי זיינע אויגען וואלטען זיך איהם מיט איינמאל געעפענט און ווי ער וואלט ביז אהער נאך קיינמאל פריהער קיין פרוי ניט געזעהן.

ער האט נאכגעקוקט איהר יעדע בעוועגונג. זיין בליק איז געווען ווי צוגעקלעפט צו איהר געשטאלט. און ווען זי איז ארונטער פון שטריק און איז צוריק אריינגעקומען און מיט א שמייכעל זיך פארנייגט, האט ער ניט געוואוסט, וואו ער איז, און צי האט דאס געדויערט א מינוט צי א שעה.

און ווען זי איז דערנאך פאר איהם פארבייגעגאנגען, די הענד פול מיט בלומען, איז ער איהר נאכגעגאנגען אליין ניט וויסענדיג אז ער טהוט עס. זי איז ארויפגעגאנגען די שטיגען, וואס האבען געפיהרט צו דער גארדעראבע. ער איז געבליבען שטעהן אונטען מיט די אויגען ארויף. זי האט ארונטערגעקוקט און איז פלוצעם געבליבען שטעהן. דערנאך איז זי געגאנגען ווייטער.

זשיאוואני'ס אויגען זענען דעם גאנצען אווענד געהאנגען אויף דער לאזשע, וואו מיס איילײדא איז געזעסען, מיט א רויטען שלייער ארום א רויטען הוט.

זשיאוואני איז באלד געווען אויסער זיך פאר פארליעבטקייט. ער האט איצטער פון קיין זאך מעהר ניט געקענט טראכטען נאר פון מיס איילײדא.

וואו מיס איילײדא האט זיך נאר געפונען, צי ביי פראבען אדער אין די אווענדען ווען זי האט געארבייט אדער ווען זי איז געזעסען אין דער לאזשע מיט איהר פאטער, האט זי

תמיד אויף זיך געפיהלט זשיאוואני׳ס אויגען. איינמאל ביי א פראבע איז ער געשטאנען און לאנג געקוקט אויף איהר. דאן האט ער פלוצים געמאכט א פאר טריט נעהענטער צו איהר, ווי ער וואלט איהר עפעס וועלען זאגען. צום סוף אבער ווען ער איז שוין געווען לעבען איהר נאז, האט ער זיך פלוצים אומגע־קעהרט א פארלוירענער און איז אוועקגעגאנגען.

מים אליידא, וואס איז געווען אן ערפאהרענע דאמע, האט גאר ניט געוואוסט, וואס דאס זאל בעדייטען. און ווען זי האט א צייט לאנג געווארט, אז די זאך זאל זיך ווייטער ענטוויקלען און עס איז אלץ נאר געבליבען ביי זיין גאפען און אנשטעלען די אויגען — איז איהר די גאנצע געשיכטע נמאס געווארען, און זי האט זיך געפיהלט באליידיגט. איין אוועכד ווען זי איז נאך דער ארבייט פאר איהם פארביי געגאנגען, און ער האט אויף איהר ווידער אנגעשטעלט זיינע אויגען, האט זי איהם געוויזען א שפאטישען שמייכעל.

זשיאוואני האט דאס זעהר גוט פערשטאנען. און ער האט געליטען און זיך דאך געהאלטען ווייט. ער האט מורא גע־האט פאר זיך אליין. זיין ליידענשאפט האט איהם געשראקען. ער האט מורא געהאט פאר דער פרוי ווי פאר׳ן טויט. ער מוז קעמפען געגען דעם. מיט איהם זאל ניט געשעהן דאס זעלביגע וואס עס איז געשעהן מיט מר. קוקס ברודער. יענער איז פון אזא פרוי רואינירט געווארען. איז גאנצען צוגרונד געגאנגען. און איצטער שלעפט ער זיך ארום אויף יארידים. — א קוק! און ער האט געפיהלט, אז ווען ער זאל נאכגעבען וועט אלץ

זיין פארביי. דער ווידערשטאנד, דאס גאנצע, און דאן — ער האט נאכגעגעבען.

דאס איז געווען א פארמיטאג. ער איז געקומען מאכען אי־בונגען, און מען האט צוגעפיהרט צו איהם זיין פערד. און ווייל ער איז געווען גלייכגילטיג צו אלץ, האט ער ניט געמאכט קיין איבונגען, און געהייסען דאס פערד צוריק פיהרען. ער איז אריין אין דער גארדעראבע, און האט זיך אוועקגעזעצט אזוי וואונדערליך מאט און שלאף אויף א קופערט לעבען דער טיר. און אנגעשפארט דעם קאפ אויף דער האנד.

ער האט זיך אויפגעהויבען און געוואלט געהן צום דירעק־טאר אפברעכען זיין קאנטראקט. ער האט זיך דאס איינגערעדט, כאטש ער האט געוואוסט, אז ער וועט דאס ניט טהאן, אז ער וועט ניט געהן ווייטער ווי דעם רעסטאראן, וואו ער וועט זיך זעצען אונטער איהר בילד, וואס איז דארט געהאנגען.

ווען ער האט געעפענט די טיר, איז אין דער האלב טונ־קעלקייט מיס אליידא איהם פארבייגעגאנגען.

ער איז געבליבען שטעהן מיט דער האנד אויף דער טיר. זי האט איהם אנגעקוקט מיט איהר שמייכעלע.

אבער אין דעם אויגענבליק האט זשיאוואני זי א הויב געטהאן פון באדען אין דער הויך און זי ארויסגעטראגען אויף יענער זייט טיר. וואס ער האט צוגעמאכט היגטער זיך... אזוינס האט מיס אליידא קיינמאל נאך ניט איבערגעלעבט!

זשיאוואני איז ארונטער פון זינען און פערשטאנד. דאס גאנצע איז געווען ווי א שגעון.

ווארום זיין ליידענשאפט איז גלייך אין דעם ערשטען טאג

געזעטיגט געווארען מיט א פרעסענדיגען כעס געגען זיך און געגען איהר. ער האט זי געהאסט און באגעהרט. א צייט לאנג האט ער זי געקענט באהערשען מיט זיין ליידענשאפט. און ער האט איהר געגעבען פונקט אזוי פיעל קלעפ ווי ער האט זי גע־לאשטשעט. שפעטער אבער איז פאר מים אליידא די גאנצע געשיכטע געווען אביסעל צו שטורעמדיג. און זי האט איהם איבערגעביטען אויף א ווייכליכען, בלאנדען אקראבאטען יונג־לינג, וועלכע האט געשפיעלט די ראלע פון דער דאמע אין דעם „גרינעם הויז".

זשיאוואני האט דאס געוואוסט. אין אבענד איז ער געקו־מען צו איהר מיר. אבער ער האט זי נים געטרפענט; און ער האט געוואוסט אז יענער איז דארטען אינוועניג. ער האט זיך ארומגע־דרעהט אויף און אפ אין גאס און איז געגאנגען אהין און צו־ריק. ווען א טיר האט זיך געעפענט אדער צוגעמאכט, האט ער זיך באהאלטען הינטער א טיר. ארום פארטאג האט ער געזעהן ווי דער בחור'ל איז ארויסגעקומען און ווי ער איז פערבייגעגאנ־גען פארביי איהם, בלייך, מיט די הענד אין די טאשען פון זיין מאנטעל. ער האט איהם אפילו נים געשלאגען! דאן האט ער זיך געלאזט געהן צו אליידאס טיר. אנגעקלאפט און געבעטעלט, אז זי זאל איהם ארײנלאזען. ענדליך האט זי איהם געעפענט. שלעפעריג און מיעד און מיט צושויבערטע האר און ציטער־דיג פאר כעס און באגעהר איז ער ווי א בעטלער געלעגען לעבען דער שלאפעדיגער אליידא, אין דעם ווארעמען בעט, וואו דער אקראבאט איז נאר וואס געלעגען.

דאס אליין האט געמאכט פון זשיאוואני א תל. זיינע גרויסע

שפרינג קענען איהם איצטער זעהר אפט ניט געלונגען. דער גרויסען שפרונג האט ער אין א סך אווענדען געמוזט ווידערהא־לען צו דריי און צו פיער מאל. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז ער איז ניט זיכער. אין די פארמיטאגען האט ער געמאכט זיינע איבונגען איינמאל נאך אנדערען. ער איז אבער אלץ ניט גע־ווארען זיכערער. ביי די פראבען פלעגט ער שמייסען זיין פערד ביז בלוט האט גערונען, און פאר כעס פלעגט ער אויפשרייען.

אין איין אווענד איז ער זעקס מאל ארונטער געפאלען. ער האט זיינע שטיוועל פעסט צוגויפגעצויגען אין דער הויד, ער האט בארוהיגט זיין פערד, זיך צונויפגעדרעהט און א שפרונג געטהאן, און איז ווידער אמאל געפאלען.

דער דירעקטאר, וואס איז געשטאנען ביים ארייגאנג פון שטאל, האט א הויב געטהאן די פלייצעס און זיך ווענדענדיג צום ערשטען קלאון האט ער א זאג געטהאן:

"Cette Alida est bien forte Canaile"

ביים זיבעטען מאל איז דער שפרונג געלונגען.

באטי איז מיט זיינע לייבען אנגאזשירט געווארען אין דעמ־זעלביגען צירקוס. ער און זשיאוואני זענען ווידער געוועזען צו־זאמען ווי אמאל. זיי פלעגען עסען צוזאמען און זיך באלייטען איינער דעם צווייטען אהיים אין די אווענדען. מים אלידאס נאמען איז פון זיי קיינמאל ניט דערמאנט געווארען.

ביי זשיאוואני'ם פראבען פלעגט באטי זיצען אומבאוועג־ליך און שטיל.

איין פארמיטאג האט עס גאר ניט אנגעהויבען צו ווערען

געהן. זשיאַוואַני איז געשפּרונגען, זיך געשטרויכעלט און איז אַרונטער געפאַלען און איז ווידער געשפּרונגען.

ער איז אַרומגעלאָפען אַרום און אַרום דער מאַנעזשע, ער האָט ווידער זיך אַ לאָז געטהאָן און געשפּרונגען. ער האָט בלויז באַריהרט דעם רוקען פון פערד און איז געפאַלען.

— ניין! — האָט ער אויסגעשריען — ניין! פיהרט אוועק דאָס פערד! — אַ קרעכצענדיגער האָט ער זיך אין זיין גאַנצער לענג אַ וואָרף געטהאָן אויף דער ערד.

ער איז געלעגען און געוויינט שטיל אין דעם גרויסען רוים. באַטי איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו איהם. ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע און אַרונטער געקוקט אויף איהם. דאַן האָט ער זיך אַנגעבויגען און געזאָגט:

„איך בין עס, זשיאַוואַני, קום איצטער אוועק פון דאַנען“.

לייכט האָט ער אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויף זשיאַוואַני׳ס נאַקען. איהם זאַנפט געגלעט איבער די ווייכע האָר. געמיינט האָט ער אַז דערמיט וועט ער קענען שטילען זיין געוויין.

זשיאַוואַני האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איהם אַנגע־שפּאַרט אויף באַטי׳ס שולטער. אויף איין אויגענבליק איז זיין וויינען געוואָרען נאָך שטאַרקער.

— יאָ, יאָ — יאָ. יאָ — געוויס, זשיאַוואַני. — באַטי האָט געהאַלטען די האַנד אויף זיין נאַקען — יאָ, געוויס.

זשיאַוואַני האָט אַנגענומען זיין האַנד.

— לאָז מיר געהן, — האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און דריקענדיג זיך די הענד האָבען זיי זיך צו־זעגענט, און יעדערער איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

ווען זיי זענען אין אווענד ארוים אין גאס, האט באטי, איהם ניט אנקוקענדיג, שטיל א זאג געטהאן:

— זשיאוואני קענען מיר ניט אוועק געהן פון דאנען?

זשיאוואני האט זיך אבער געמאכט ווי ער הערט ניט, און באטי האט ניט געוואגט איהם נאכאמאל איבערצופרעגען.

א ווייל זענען זיי געגאנגען שווייגענדיג. און ווען זיי זע־נען געקומען צו אן עק גאס, האט זשיאוואני א זאג געטהאן:

— א גוטע נאכט!

— וואוהין ווילסטו געהן? — האט געפרעגט באטי.

ביז אהער פלעגען זיי זיך קיינמאל דארטען ניט צושיידען. זשיאוואני האט אוועקגעדרעהט דאס פנים: — איך וויל היינט הולטאיעווען! א גוטע נאכט!

באטי איז נאך געשטאנען א לאנגע ווייל און איהם נאכ־געקוקט.

זשיאוואני האט געווארט פאר אליידא׳ס הויז, און ערשט פאר טאג האט זי איהם אריינגעלאזען.

א פאר אווענדען שפעטער האט זשיאוואני געמוזט פארלא־זען די מאנעזשע, נאכדעם ווי קיין איינציגער שפרונג האט זיך איהם ניט איינגעגעבען.

ער האט ווידערהאלט דעם שפרונג נאכאמאל און נאכאמאל, אין זיין געזיכט זענען די אדערן געווארען אנגעשוואלען פאר אויפרעגונג און צארן.

דאס פובליקום איז געווארען אומגעדולדיג. מען האט איהם אויסגעפייפט. ער האט געפרואווט נאך אמאל.

"Finissez, Finissez" — האט געשריגען דער דירעק־
טאר דורך דעם טומעל פון די פייפעריי.

און אזש שווארץ פון רויטקייט מיט צונויפגעביסענע ציי־
נער, האט זשיאוואני געמוזט פערלאזען די מאנעזשע.

מים אליידא איז געשטאנען אויף די טרעפ. זי האט גע־
וואלט וואס זאגען. זי איז איהם אבער געגאנגען אויסען וועג.
ער האט איהר נאר געקוקט גלייך אין פנים אריין.

ער איז אריין אין זיין צימער און זיך געזעצט פאר זיין
שפיגעל. די ארעמס זענען איהם שלאף ארונטערגעהאנגען אויף
די זייטען. ער איז געווען באטויבט פון פארצווייפלונג און שאנד.

מען האט אנגעקלאפט. באטי איז שטיל אריינגעקומען.
זשיאוואני האט געמאכט א בעוועגונג, ווי ער וואלט איהם וועלען
האלטען פון דער ווייטענס. באטי אבער האט דאס ניט דער־
לאזען. ער האט זיך ארומגעדרעהט אין צימער אויף און אפ.

ער האט גענומען א וואלענע דעק, וואס איז געלעגען אין א
ווינקעל, און זי אנגעהאנגען אויף זשיאוואני'ס פלייצעס. — היעל
זיך ארום, — האט ער געזאגט — דו טארסט אזוי ניט זיצען.

זשיאוואני האט געלאזט די דעק ארונטערפאלען און איז
געזעסען ווי פריהער.

— היעל זיך ארום מיט דער דעק — האט געזאגט באטי
— ווילסטו דיך נאך צוקיהלען?

זשיאוואני האט געפאלגט. און באטי האט זיך ווידער
ארומגעדרעהט אויף און אפ. ענדליך איז ער געבליבען שטעהן
הינטער זיין פריינדס שטוהל. — זשיאוואני, דו מוזט אוועק
פון דאנען. אזוי וועט עס ווייטער ניט געהן.

זשיאוואַני האָט זיך ניט גערירט.

— הערסטו זשיאוואַני, קיין זאך וועט ניט העלפען. מיר מוזען אוועק.

דאַ האָט עס אויסגעזעהן ווי זשיאוואַני וואָלט אויפגע־וואכט, און פארשטאַנען, ניט־האָבענדיג געהערט. ער האָט א פיהר געטהאָן מיט דער האנד איבער די אויגען און געזאָגט:

—יאָ, יאָ. און דו וועסט עס שוין באַזאָרגען.

ער האָט אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפ'ן טיש. און באַטי איז ארויסגעגאַנגען.

אויף צומאָרגענס פּאַרמיטאָג האָט באַטי גערעדט מיט דעם דירעקטאָר: אין א וואַלד ארום וועלען זיי קענען אַפּפאָהרען. און אזוי איז טאַקע געוואָרען אַפּגעמאַכט.

אָבער אין זעלביגען אָוועגד איז זשיאוואַני געריטען אזוי ווילד ווי א פּאַרריקטער, און איז ארונטערגעפאַלען. דאָס פערד האָט זיך דערשראָקען, געשטרויכעלט זיך אַ עפּעס און איז געפאַלען אויף איהם. עס איז געוואָרען א טומעל און א געשריי. א צוקוועטשטע האָבען זיי זשיאוואַני'ן ארויסגעטראָגען. וואָס די ברוסט האָט געליטען, דאָס האָט מען ניט געקענט זאָגען. אָבער דער רעכטער פוס איז איבער דעם שענקעל געווען צובראָ־כען.

עס איז נאָך צוגעפאַלען א שטאַרקער פיבער, און זשיאַ־וואַני האָט פערצעהן טעג געשוועבט צווישען לעבען און טויט.

עטליכע וואָכען נאָכאַנאַנד איז זשיאוואַני געלעגען אין חיץ. ער איז געווען אזוי אומרוהיג, אַז מען האָט איהם

געמוזט צובינדען צום בעט. דאן האט ער פארלוירען די כוחות. און עס האט צוגעטראטען דער קריזיס מיט א פיבער. מיט ברענענדיגע אויגען איז ער אזוי געלעגען און זיך ניט געריהרט און ניט גערעדט.

טאג נאך טאג איז באטי געזעסען אויפ'ן שטוהל לעבען בעט אומבאוועגליך, און ניט ארונטערגענומען די אויגען פון זיין געזיכט.

ווען ער איז איבערגעקומען דעם קריזיס, האט זשיאוואני אויפגעוואכט און דערזעהן באטי'ן. ער האט געוואלט רעדען, נאר די כוחות האבען איהם ניט געדיענט. ער האט געשמייכעלט און געוואלט אויפהויבען די האנד, דאס איז איהם אבער ניט געלונגען. ער האט זיך געפיהלט שווער אזוי ווי בליי.

באטי האט דערזעהן אין זיינע אויגען אז ער דערקענט איהם שוין ווידער. און ער האט מיט דער האנד געמוזט זיך האלטען ביי דער ברוסט, אזוי האט דאס הארץ געקלאפט אין איהם פאר פרייד. זשיאוואני איז ווידער איינגעשלאפען.

באטי האט זיך אויפגעהויבען, האט פאמעליך געעפענט די טיר און איז ארויסגעגאנגען פון צימער. אונטען האט ער אנגעקלאפט ביים דאקטאר.

— מאסיע! — האט ער אויסגערופען נאך אין דער טיר שטעהענדיג, און פאר אויפרעגונג האט ער קוים געקענט די ווערטער ארויסברענגען פון מויל — מאסיע, ער האט מיך דערקענט.

און דער גרויסער מענש איז געשטאנען און געוויינט ווי א קינד.

זשיאוואני האט אנגעהויבען ווערען בעסער. די ברוסט האט ניט געליטען. דער פוס איז געווען אין באנדאזשען. ער האט געפיהלט א מיעדע הנאה, און טאג און נאכט איז ער גע־לעגען ווי אין א האלבען דרימעל.

באטי איז געזעסען ביים בעט, און זשיאוואני האט אנ־געכאפט זיין האנד, וואס איז געלעגען אויף זיין קניה, און זי ארויפגעלעגט אויף דער דעק און שוואך זי געגלעט. דאן האט ער צוגעמאכט די אויגען און איז ווידער איינגעשלאפען. באטי האט פארזיכטיג ארויסגעצויגען זיין האנד פון זשיאוואני׳ס, וועלכע איז געווארען אזוי פיין און דורכזיכטיג.

ווען זשיאוואני פלעגט זיך אויפכאפען, פלעגט ער אפט ליגען שטיל און בעטראכטען באטי׳ס געזיכט. געזעהן האט ער זיין פראפיל, די גלייכע נאז און דאס פעסטגעשלאסענע מויל, באטי האט געזיפצט פון צייט צו צייט.

זשיאוואני האט געמיינט, אז ער זעהט אוים אומעטיג. — באטי — האט ער געפרעגט שטיל — פארוואס ביזטו אזוי בע־טריעבט?

באטי האט אויפגעציטערט.

— ביזטו וואך? — האט ער געפרעגט — איך האב עס גאר ניט געוואוסט. איך בין ניט באטריבט, זשיאוואני!

אבער זשיאוואני האט אפילו בעמערקט, אז ווען באטי׳ן פלעגט זיך דאכטען אז ער שלאפט, פלעגט איהם פלוצלונג דורכ־לויפען א שוידער, און ער האט אויך אפט געהערט ווי באטי פלעגט קורץ און שטיל זיפצען.

— באטי — האט ער געזאגט איינמאל — דו דארפסט דא ניט זיצען דעם גאנצען טאג.

— פארוואס ניט?

— דו קענסט עס ניט פארטראגען. איך וויל עס ניט האבען. דו ווערסט קראנק.

— איך פיהל זיך דא צום בעסטען זשיאוואני, מיר איז ליעב דא צו זיצען.

און זשיאוואני איז געלעגען און געגריבעלט זיך: וואס זאל דאס זיין פאר א באהאלטענער סוד, וואס באטי טראגט מיט זיך?

איין טאג האט ער פלוצלונג א זאג געטהאן:

— באטי, זאג מיר, דו... זענען עס די לייבען... הא?

באטי האט ארונטערגעקוקט צום דיל.

— דו ווייסט דאך — האט ער געזאגט — ווען עס קומט ארום פריהלינג זענען זיי אלעמאל אביסעל אומרוהיג.

ביסלעכווייז, ווען זשיאוואני'ן איז געווארען בעסער, האט ער אפטער אנגעהויבען צו רעדען וועגען דער ארבייט. ער איז געווארען זעהר אומגעדולדיג און שלעכט געשטימט.

איין טאג ווען דער דאקטאר האט בעטראכט דעם פוס, האט ער א זאג געטהאן:

— נו, יא, וועגען זיין א זשאקעי, וועגען דעם קען נאטירליך קיין רייד ניט זיין. ווען איהר זאלט אבער ניט וועלען דוקא שפרינגען אזוי הויך, וועט איהר דערפון גאר ניט בעמערקען.

זשיאוואני האט זיך האסטיג אויפגעזעצט אין בעט.

— קען איך מעהר ניט זיין קיין זשאקעי? — האט ער געפרעגט.

ער האט דרעפיהלט א שטארקען וועהטאג אין פוס און איז צוריקגעפאלען אויפ'ן קישען.

— איך האב דאך אייך געזאגט, אז איהר טארט זיך ניט ריהרען — האט געזאגט דער דאקטאר. — זיין א זשאקעי מיינט צופיעל אנשטרענגונג. אבער דער הער באטי זאגט דאך, אז פאר אייך זענען נאך פאראן א סך אנדערע ספעציאליטעטען. אזא קליינע פארענדערונג מאכט נאר שפאס, הער זשיאוואני.

ווען דער דאקטאר איז אוועק געגאנגען, איז זשיאוואני געבליבען ליגען מיט צוגעמאכטע אויגען. ער האט געפיהלט ווי דער שלאג וואלט איהם געטראפען: ער טאר מעהר ניט זיין קיין זשאקעי!...

ער האט געהאלטען אין איין טראכטען נאר פון דעם. און בשום אופן האט איהם גאר ניט געוואלט קלאר ווערען. איהם האט זיך איצטער געדאכט, אז די גאנצע וועלט איז פאר איהם פארשלאסען.

ווען באטי איז געקומען, האט ער אויף זיין בעגריסונג געענטפערט בלויז מיט א שאקעל פון קאפ און איז געלעגען אומבעוועגליך. קיינער פון זייביידען האט ניט גערעדט קיין ווארט.

ענדליך האט ער א פרעג געטהאן:

— באטי, פארוואס האסטו דאס מיר ניט געזאגט?

— דו האסט זיך סאַי ווי דערוואוסט צו פריה — האט באטי געענטפערט.

זשיאַוואַני האט זיך אויסגעדרעהט צו דער וואַנד און איז געלעגען שטיל. פלוצים אבער האט דער געדאַנק ווידער אויפ־געוואַכט אין זיין מיעדען קאפּ. האט ער זיך אויסגעדרעהט אין בעט און געקרעכצט.

— זשיאַוואַני — האט געזאָגט באַטי, וואס האט זיך אויפ־געהויבען און זיך געשטעלט איהם צוקאפּענס פון בעט — מען קען דאך נאך אלעמאָל געפינען אַן אויסוועג.

זשיאַוואַני האט נים געענטפערט.

— מיר קענען דאך — האט באַטי געזאָגט פאַמעליך — צוזאַמען ארבייטען מיט די לייבען.

און ווען זשיאַוואַני האט ניט עגענטפערט, האט ער שטיל צוגעגעבען:

— ווען דו זאלסט נאר וועלען!

— מיר זאלען צוזאַמען ארבייטען מיט די לייבען?

— יאַ. איך מיין מיר קענען צוזאמען ארבייטען.

אין די קומענדע טעג האבען זיי איבערגערעדט וועגען דער אנגעלעגענהייט. באַטי און זשיאַוואַני האבען אפּגעמאַכט צו־זאַמען צו ארבייטען.

אזוי שנעל ווי זשיאַוואַני איז געזונד געוואָרען, האבען זיך אנגעהויבען די פּראַבען. באַטי האט אנגע׳שכור׳ט די חיות, און עהייסען זשיאַוואַני׳ן, אז ער זאל איהם נאכגעהן אין שטייג אריין. די לייבען זענען געווען טעמפּ. קיין געפאַהר איז ניט געווען.

ווען א לייב האט זיך געשיבערט מיט זיין ווארעמען קערפער אן זשיאוואני'ס פוס, איז איהם דורכגעלאפען ווי א פרעסטעל דורך דער הויט. אויסער דעם איז ער געווען גאנץ רוהיג. שווייגענדיג האבען זיי געארבייט צווישען די ברומענדיגע חיות.

דריי וואכען האבען זיי געמאכט פראבען. דאן זענען זיי אויפגעטראטען צום ערשטען מאל אלס „פראטעלי באדיני, די לייבען־צאמער".

זשיאוואני און באטי האבען זיך שוין קיינמאל ניט פארלאזען. זיי האבען אלעמאל געמוזט זיין צוזאמען. עס האט זיך געפיהלט ווי איינער וואלט ניט געוואגט דעם צווייטען צו פארלאזען. זיי האבען ווייניג גערעדט. זיי האבעןביידע געטראכט דאס זעלביגע, און זיי האבען זיך פערשטאנען אהן ווערטער.

ווען זשיאוואני איז געשטאנען ביי דעם רויטען שטייג אין דער העלבאלויכטענער מאנעזשע, און דערזעהן דעם שווארצען קראנץ פון מענשען ארום און ארום, האט ער זיך פעסט אנגעכאפט ביים געלענדער. איהם האט זיך געדאכט ווי דאס גאנצע בלוט וואלט פלוצים פארגליווערט געווארען.

— זשיאוואני — האט גערופען באטי פון אונטען ארויף — דו געהסט ?

זשיאוואני איז ארונטערגעגאנגען. און זיי האבען געווארט איינער לעבען צווייטען.

באטי האט אנגענומען זשיאוואני'ס האנד. זי איז געווען קאלט ווי אייז, און איז שלאף ארונטערגעפאלען. זשיאוואני האט פאר זיך דערזעהן דעם שטייג, אין וועלכען די לייבען האבען ווי א קנויל זיך געריבען איינער אן אנדערן.

זיי זענען ארונטערגעגאנגען. באַטי פּאַראַוס און ער פון הינטען. ער האָט אַנגעשעטעלט זיין בליק אויף די ווייסע טרעפּ. באַטי איז אַרויף, און האָט שנעל אַ רוק געטהאַן דעם ריגעל אין אַ זייט. איין מאָמענט האָט ער בעטראַכט זשיאַוואַני'ן, דאַן איז ער אריינגעגאַנגען.

ווען זיי זענען ווידער געווען אין דרויסען, האָט זשיאַוואַני דערהערט דעם אַפּלאָוז פון פּובליקום, ווי אַ שכור הערט דאָס זשומען פון זיין בלוט.

זיי האָבען געאַרבייט יעדען אָוענד. די לייבען זענען געווען צערטליך, און האָבען געדרעהט מיט די ווידלען ווי יונגע הינד. צייטענווייז אָבער פלעגט ער זיך פּלוצים אויפכאַפּען אין מיטען שלאָף, ווייל אין חלום האָט ער געזעהן ווי די אויגען פון די לייבען זענען אַנגעשטעלט אויף איהם. איז אַ קאַלטען שוויים ליגענדיג, האָט ער זיך אויפגעזעצט און אריבערגעקוקט צו באַטי'ס בעט, צו זעהן אויב ער שלאָפט.

שטונדענלאַנג איז ער דערנאָך אַזוי געזעסען אין דער פינסטער מיט די הענד פערוואָרפען אַרום די קניה, פערזונקען אין געדאַנקען.

אין דער לעצטער צייט איז אויך באַטי ניט געשלאָפען. ווען זשיאַוואַני, האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי אַ פערפאַלגטער פון זיין חלום, האָט ער געהערט ווי באַטי וואַרפט זיך אין בעט און זיפצט. אַזוי שנעל אָבער ווי ער האָט בעמערקט, אַז זשיאַוואַני איז וואַך, איז ער געבליבען ליגען גאַנץ שטיל און געאַטעמט טיעף. שטונדענלאַנג זענען זיי ביידע אַזוי געלעגען און זיך צו-

געהערט איינער צום צווייטען.ביידע האבען זיך געמאכט ווי זיי שלאפען און ביידע זענען זיי געווען וואך.

איין אווענד, ווען זיי זענען איז דער גארדעראבע געזעסען פאר זייערע שפיגלען, האבען זיי זיך פלוצים אנגעכאפט ביי די הענד מיט א בעהאלטענעם שרעק.

— זשיאוואני — האט געזאגט באטי — ווי קומט עס פלוצים, אז א י ה ר האט מיך אזוי פיינט?

זשיאוואני איז געווארען בלייך. ווענען דעם האט ער טאקע געטראכט טאג און נאכט.

— איך ווייס ניט — האט ער געזאגט שטיל — איך באגרייף עס ניט.

און זיי האבען ווידער אנגעהויבען לאנגזאם און מעכאניש זיך אנצוטהאן.

דאן איז געקומען א זומערדיגער אווענד. נאכדעם ווי דער הייסער טאג האט געמאכט די חיות אביסעל צו לעבעדיג.

באטי און זשיאוואני האבען רוהיג געארבייט ווי אלע מאל. אבער איין לייבין איז געווארען אומגעהארכזאם. אזוי, אז באטי האט איהר געמוזט דערלאנגען מיט דער בייטש איבער דעם שנוק. זי האט געבלוטיגט. די חיה האט געוויזען איהרע שארפע נעגעל און האט זיך קנורענדיג אנידערגעלעגט. זשיאוואני האט ניט ארונטערגענומען דעם בליק פון די געלע אויגען.

די פארשטעלונג איז געווען געענדיגט. און באטי האט געעפענט די טיר און געלאזט זשיאוואני'ן ארויסגעהן. ער האט אויסגעשאסען פון זיין פיסטויל. און האט געוואלט צושליסען

די טיר פון דעם קליינעם פירשטיבעל — דא האט ער זיך פלוצעם אויסגעגליטשט.

ער איז געפאלען. — מיט׳ן פנים פאראויס אויפ׳ן רעכטען פוס. ער האט זיך געוואלט אויפהויבען און געטאפט פאר זיך מיט די הענד — דא האט ער דערפיהלט די לייבין איבער זיך. און ער האט אנגעהויבען צו שרייען.

די חיה האט זיך איינגעגראבען מיט די נעגעל אין זיין האלז. ער האט אבער נאך צונויפגענומען אלע כוחות און א רוק געטהאן דעם ריגעל. אנשטאט אבען צו עפענען האט ער דעם ריגעל אריינגעטהאן אזוי, אז די טיר איז געווארען פארשלאסען פון אינווענייג.

— באטי!

— באטי! — זשיאוואני האט געריסען די טיר.

ווילד פאר שרעק האט דאס פובליקום אנגעהויבען שפרינ־גען איבער די בענק וואס זענען צוהאקט געווארען. מיט א גע־שריי זענען די מענשען ארונטערגעשפרונגען פון דער גאלעריע. מען האט געהערט דאס גרילצענדע געשריי און די קוויטשערייען פון שרעק פון די קינדער, וואס האבען זיך געקלאמערט ביי די פארענטשעס פון די לאזשען. — מען האט זיך ניט אומגעקוקט, נאר מען איז געלאפען.

אויף די בענק פון אמפיטעאטער האבען פרויען געבראכען די הענד, די שטאלמייסטער האבען אין מיטען דעם מאנעזשע געקעמפפט מיט זשיאוואני.

— פערשליסט דעם שטייג! — האבען געשריען טויזענד שטימען.

די לייבען האבען זיך ארומגעדרעהט מיט דרעהענדיגע ווײדלען ארום באטי'ס קערפּער, אין דעם ליידיגען צירקוס, אין וועלכען עס האבען געברענט אלע גאז־פלאמען.

זשיאוואני איז געזעסען אין דרויסען אין מיטען וועג, אויף א קאסטען. דער שוים איז איהם גערונען פון מויל אויף דער ברוסט. צוויי ארטיסטען האבען פעסט צוגעהאלטען זיינע הענד. ווען די קאמעראדען האבען איהם אפגעלאזען, האט ער זיך ניט גערירט, די הענד זענען ביי איהם שלאף ארונטערגעהאנגען.

ער האט זיך צוגעהערט צו דעם ברויזען פון המון, און צו די געשרייען, וואס זענען ביסלעכווייז אפגעשטארבען — ביז אלץ איז געווארען שטיל.

דאן האט ער זיך אויפגעהויבען.

זיין געזיכט איז געווען פארשטיינערט און בלייך ווי ביי א מת. ער האט געזעהן די לייבען, וואס האבען זיך ארומגעשארט ארום באטי'ס קערפּער. ער האט זיך אװעקגעשטעלט פאר דעם שטייג, אפגעפייערט צוויי שאס און געעפענט די טיר.

די לייבען האבען זיך גענומען רוקען ארום די שטאנגען, און מיסטעריעזיש געקוקט ארום זיך. פארזיכטיג האט זשיאוואני ארויסגעטראגען דעם טויטען. דאס בלוט האט ארויסגערונען פון שטייג, און זיך צונויפגעזאמעלט אויפ'ן דיל ווי א גרויסע לוזשע.

ער האט גערופען עטליכע שטאל קנעכט; זיי זענען צוגע־קומען ניט ווילענדיג, און דאס גאנצע לייב האט געציטערט אויף זיי.

— נעמט איהם! — האט אויסגערופען זשיאוואני.

די קנעכט האבען זיך ארונטער געבויגען צום קערפּער.

איינער פון זיי האט איהם אבער צוריק ארונטערגעלאזען. לאנג ווי ער איז געווען האט ער זיך אויסגעשטרעקט א גע'חלש'טער אויף דער ערד.

זשיאוואני האט דעם צווייטען אפגעשטופט אין א זייט. לאנגזאם האט ער אויפגעהויבען די צעריסענע לייכע און זי ארויסגעטראגען אויף די הענד, ווי א קליין קינד. א לאנגער שליאד פון בלוט, האט באצייכענט דעם וועג, וואו ער איז געגאנגען. אין שטאל האט ער איהם אוועקגעלעגט.

דארט איז קיינער ניט געווען. ליידיג און שטיל איז געווען אומעטום. ער האט געבראכט א טראג־בעטעל, דערויף ארויפגעלעגט דעם טויטען, און איהם צוגעדעקט מיט'ן טעפיך פון די אקראבאטען.

מיט א שווערען טראט האט ער זיך געלאזט געהן צו די טרעפ, געעפענט די טיר פון דער גארדעראבע, און געווארפען זיך אין זיין גאנצער לענג אויפ'ן דיל. ער איז געשלאפען, און, געוויינט אין שלאף. זיין גאנצער גרויסער קערפער האט געצי־טערט.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט איז שוין געווען ווייסער טאג. ער האט זיך אויפגעזעצט. זיין גאנצער קערפער האט איהם וועה געטהאן. און דא האט ער מיט אמאל דערזעהן באטי'ס קליידער, וואס זענען געהאנגען איבער דעם שטוהל נאך פון נעכ־טען. איהם האט דורכגענומען א שטארקער שמערץ. ער האט אריבערגעקוקט צום שפיגעל. דארט איז געהאנגען דאס זיי־גערל אויף א קייטעל, און איז געבליבען שטעהן.

ער איז אזוי געבליבען זיצען אויפ'ן דיל און אלץ לאנג

אנגעקוקט. איצטער איז ער געווען אליין. זיין וועהטאג איז אין זעלבען אויגענבליק פערוואנדעלט געווארען אין טעמפען צארן געגען ז י י, געגען די חיות.

ער האט זיך אויפגעהויבען און איז ארונטער די טרעפ. ער האט איצטער אפילו ניט געטראכט וועגען דעם בר־מינן. ער איז אוועק אין דער מאנעזשע. די לייבען זענען געשלאפען אין שטייג. ביים גערויש האבען זיי זיך אויפגעכאפט און האבען אנגעהויבען מרוקען. ער האט פון שטאל געבראכט צוטראגען די לארדענס און זיי באפעסטיגט איינער נאכ'ן אנדערען צום שטייג.

דערנאך איז ער ארויסגעגאנגען אין דער גארדעראבע און זיך איבערגעטאן. ער האט געוואלט ארויסגעהן און קויפען פלייש פאר די לייבען.

ווען ער איז אזוי דא געזעסען האט ער גענומען באטי'ס זייגערל און עס אנגעצויגען. און ווען עס איז שוין ווידער געהאנגען ביים שפיגעל און געקלאפט דעם טיק־טיק, האט ער זיך געמוזט צעוויינען. ער האט דעם קאפ אנגעשפארט אויפ'ן טיש, און געוויינט לאנג, שטיל און פארצווייפעלט. דאן איז ער אויפגעשטאנען און איז ארויסגעגאנגען.

ביים קצב האט ער געקויפט עטליכע גרויסע אקסען־פיס, און אליין באגלייט אהיים דעם קצב־יונג, וואס האט זיי פאר איהם אהיים געטראגען. דעם גאנצען טאג איז ער געבליבען אין דער היים. מיט אן אלטען עגבויר האט ער אויסגעבויערט טיעפע לעכער אין פלייש און זיי אנגעפילט מיט סטריכנין.

צוויי פאליציי באאמטען זענען געקומען און האבען פון

איהם געפאדערט, אז ער זאל זיי געבען אן ערקלעהרונג וועגען דעם אומגליק.

זשיאוואני האט געענטפערט רוהיג, און זיך ניט געלאזט שטערן אין זיין ארבייט.

ווען עס איז געווארען פינסטער איז ער אוועקגעגאנגען. א איינגעל האט איהם נאכגעטראגען דאס פלייש איינגעבונדען אין א ליילעך.

דער צירקוס איז געווען ליידיג און שטיל. די פארשטעלונג איז געווען אפגעשטעלט.

זשיאוואני האט אנגעצונדען צוויי שטאל לאמטערנעס און איז ארונטער אונטען צו דער מאנעזשע. דער שטייג איז גע־שטאנען מיט די געשלאסענע לאדענס אויף דעם זעלביגען פלאץ ווי אין דער פריה.

דאן האט ער אויפגעוויקעלט דאס ליילעך און אריין געווארפען אין שטייג דאס פלייש, שטיק נאך שטיק.

די לייבען האבען זיך דערצו צוגעכאפט מיט א מרוקען. האבען עס צעריסען אין שטיקער און פארשלונגען. זשיאוואני האט באטראכט די ווייסע ציין אין דעם רויטען פלייש.

ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף דעם ראנד פון דער מא־נעזשע און געווארט.

אין דער האלב־פינסטערניש האבען די חיות זיך ארומגע־דרעהט אין שטייג ווי שאטענס.

אומבאוועגליך האט ער געקוקט אויף די אומרוהיג זיך ארומדרעהענדיגע לייבען: זיי האבען זיך געריבען איינער אן צווייטען. און האבען ארויסגעלאזט קורצע, ברילענדיגע גע־

שרייען. קלאנגענדיג האבען זיי זיך אויסגעצויגען אין זאמד. האבען ווייט אויפגעריסען די אויגען און ארויסגעשטעקט די צונגען ווייט פון האלז ארויס, און האבען מיט זיי געלעקט אי־בער די קיהלע שטאנגען פון שטייג.

זשיאוואני האט זיך ניט גערירט.

די אויגען פון די חיות האבען אין דער פינסטער, געשי־מערירט ווי געלע פלאמען. וואס האבען מיט אמאל העלער אויפגעפלאקערט און דערנאך זענען זיי פלוצים געווארען אויסגעלאשען. מיט זייערע לייבער האבען זיי זיך איינ־געגראבען אין די ווינקלען און האבען אנגעהויבען צו כארכלען; און פלוצלונג האבען זיי זיך ווילד א לאז געטהאן צו די קלינגענדיגע שטאנגען און האבען געברילט פאר־צווייפעלט; זיי זענען ארונטערגעפאלען. זיי האבען זיך גע־שלעפט איינער פארביי דעם צווייטען, געקייקעלט זיך אויף די רוקענס, און פון זייערע ברייט צועפענטע פיסקעס, האט זיך דערהערט א דערשטיקט ברילען גלייך ווי זייערע קעהלען וואל־טען געווען צוזאמענגעשנורט.

די ליכט אין די לאמטערנס האבען געהאלטען ביים אויס־געהן. עס איז געווארען אין גאנצען פינסטער.

זשיאוואני איז געבליבען זיצען און זיך צוגעהערט צו דעם שטילען כארכלען אין שטייג, וואס איז ביסלעכווייז געווארען שטילער.

און דאס גאנצע איז איהם פארגעקומען אלץ מיט אנאנ־דער אזוי שוידערליך עלענד.

ער האט געטראכט וועגען א סך טרויערדיגע איבערלע־

בונגען. ער האט געטראכט פון די לוסטיגע שטיינברוקירער, וואס האבען זיך אלע זיבען אין איין יאהר ארויסגעווארפען דורכ'ן פענסטער, און זייער לעבען האט זיך געענדיגט דארטען אויפ'ן ברוק.

ער האט געטראכט פון זיין פאטער וואס איז געזעסען ביי איהם אויפ'ן בעט און ביי איהם אויסגעפרעסט געלד.

ער האט געטראכט פון באטי, פון באטי, וואס איז געוועז טויט.

ער האט זיך צוגעהערט, אלץ איז געווארען שטיל. דא זע־גען מיט אמאל געקומען איין טיעפער זיפץ און נאך איינער. דאס שטילע, שוואכע שארען פון א לאפע, און דערנאך איז אלץ געוועזן אויס.

זשיאוואני האט געטראכט וואס עס וועט איצטער ווערען פון איהם. ער איז ניט מעהר געוועזן יונג. ער האט אויך ניט געהאט קיין ספעציאליטעט.

ער וועט מוזען פרואווען צו ווערען א קלאון. א זשאקעי פאראדיסט. ווען זיין פוס זאל איהם דאס נאר ערלויבען.

זשיאוואני איז אויפגעשטאנען און זיך געלאזט ארויסגעהן אין דער פינסטערניש. ער האט געהאט א געפיהל ווי ער וואלט הינטער זיך נאכגעשלעפט א שווערע משא.